# THE SHEPHERD OF ISRAEL

**ENGLISH DEPARTMENT**

VOL. XII., No. 8 | 50 CENTS A YEAR | APRIL, 1930

## THE DOOR THAT WAS PASSED BY

The Passover is with us again. In the Hebrew, the name of this feast is Pesach, which means, literally to go over. For God had actually told our forefathers in Egypt,

"The Lord will pass over the door."
Exodus 12:23.

A door has its purposes. It opens and shuts. When it opens, it lets in the welcome guest, or the loved member of the family. It also lets out any undesirable caller. When it shuts, it keeps out all intruders, all robbers, all those who might be a disturbing element to the calm serenity and peaceful happiness of the home group.

But one night in Egypt there was to come a visitor, an intruder, a most unwelcome and terrifying person, into every home in all the land of the Pharaohs, and no door was strong enough to keep him out! It was the Angel of Death! He could pass through any number of doors, no matter how tightly locked, nor how heavily barred. You simply could not keep him out.

And that night he was to bring slaughter into every home in Egypt — the first born child, the oldest, the most beloved, was to be stricken dead!

The Egyptians laughed at the idea. It was but an idle threat of the God of the Hebrews — He couldn't do it! But our forefathers that day in Egypt, did better than our Jewish people do today — they believed God, and they knew God could do this miracle if He wanted to.

And because they believed, God gave them a way of rescue for their own beloved first-borns. "I will bring death this night into every home in Egypt," He was saying, "Except"!

### When I see the Blood.

Except what? Well, let us read His own words as given by Moses:-

> And ye shall take a bunch of hyssop, and dip it in the blood that is in the basin, and strike the lintel and the two side posts with the blood that is in the basin; and none of you shall go out at the door of his house until the morning. For the Lord will pass through to smite the Egyptians; and when he seeth the blood upon the lintel, and on the two side posts, the Lord will pass over the door, and will not suffer the destroyer to come in unto your houses to smite you. Exodus 12:22-23

So now we begin to see the meaning of Pesach — skipping over. Every Israelite who believed God's word was to sprinkle some of the blood of the lamb which he had killed for himself and his family — he was to take some of this blood and sprinkle it on the lintel, and the two side-posts of the door; and then the whole family was not to go out of the door until morning.

And what a terror went through Egypt that night! But every home that had the blood on the door was safe! And if a Jewish father had forgotten to sprinkle that blood on the door — oh, if he forgot! — then, horror of horrors, he became the murderer of his own first-born son! And all his life, after that, his wife and his remaining children would point with grief stricken heartache, their finger of accusation at him, "you killed our beloved!"

And why, do you suppose, did God put our forefathers through all this marvelous experience? Don't you suppose He had a purpose in it all? God does nothing in vain, but everything He does has a plan and an object in view.

Nearly 2000 years later, a great Jewish prophet whose name was John, saw one day a still greater Man, if we may call Him man, and immediately cried out,

### "Behold the Lamb of God!"

"Behold the Lamb of God, which taketh away the sin of the world." John 1:29. And there, suddenly as though revealed by the penetrating rays of the huge searchlight, stood forth the lesson God had taught us in Egypt! The lamb slain, the blood sprinkled on the door-posts, these were symbols, types, fore-pointers, of that wonderful day when God would send His only begotten son, the Lord Jesus Christ, who would be the blessed Lamb of God. And when He was crucified on calvary, it was His blood that was shed for us. And after that, our Temple, our Priesthood, our sacrifices, these were all done away — for a very simple reason, they were of no further use. For the Lord Jesus Christ had become our Lamb, and He had become our High Priest.

And our duty now is to sprinkle the blood upon the doorpost! The shed blood was of no use to the Israelite in Egypt, **unless he sprinkled it on his door!**

And the shed blood of the Lord Jesus Christ is of no use to you, dear Jewish friend, unless you too will sprinkle it upon the door post of your **heart!**

The Angel of Death is hovering over the door of your heart. No matter how tight is shut the door, you cannot keep him out. There is only one way, and that is, by the blood of the Lamb. You accept that shed blood of the Lord Jesus Christ for your redemption, and from that moment on, the Angel of Death, Satan, the enemy of your soul, has no more entrance. The blood has shut him out forever!

And your dearly beloved children. Have you a right to become their spiritual murderers? Have you a right to deny them the opportunity to know about redemption which can be theirs through the Blood of the Lamb? Do you want them to point the finger of blame at you through all Eternity, and say, "You refused to let me find out about the Lord Jesus Christ. You refused to listen to the Missionaries. You refused to study for yourself to see if those things were true. And so we are here, lost forever!"

And this month you will be celebrating once more the Passover. Will you have a lamb? And will you have the blood? God says you must have a lamb; and God says you must have the blood. Have you got the lamb? If not, what use is there in all your celebration, and in all your feasts, if you disobey God? Do you think God gets any pleasure from your disobedience.

Some day you will thank us for telling you all this. We only hope you will not wait until it is too late.

Write us for more literature. It is free to any Jewish soul who is earnestly seeking after the truth.

OUR HEADQUARTERS

**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

OUR BRANCHES

Williamsburg Bridge Plaza
235 South 4th Street, at
**Brooklyn, N. Y.**

**Philadelphia, Pa.**
**535 Spruce Street**

**Atlantic City, N. J.**
**2603 Pacific Avenue**

**Pittsburgh, Pa.**
**1861 Rose St., cor. Dinwiddie**

אונזער גרויסער איד איז דאן געשטיגען צו א פיעל העכערע שטופע. פון ראביי איז ער געווארען א מיסיאנער. אלס ראביי האט ער נישט געהאט וואס צו דרש'ענען צום עולם אז עס זאל זייערע מידע פערטרוקענטע הערצער ערקוויקען און בע־לעבען, אבער אלס מיסיאנער האט ער שוין אסאך געהאט וואס צו זאגען און ער האט אויך אסאך אידען צוגעבראכט צום מלכות השמים דורך ישוע המשיח.

יהא זכרונו ברוך.

**Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

ביבעל האט געהאט אזא געוואלדיגען איינפלוס אויף די אייראפעאישע ציוויליזאציע". מיר פארגעסען אבער אז ד ע ר טייל וואס האט אויף איהר געהאט דעם גרעסטען איינפלוס איז ניט דאס אלטע טעסטאמענט נייערט דאס נייע טעסטאמענט. *)

וואס איז דאס פאר א בוך, אט דאס נייע טעסטאמענט?

שוין דער אידישער נאמען זיינער, ב ר י ת ח ד ש ה , ווייזט אן אויף זיין ריין אידישען כאראקטער. באשטעהן באשטעהט ער פון א קאלעקציע פון זיבען־און־צוואנציג קלענערע שריפטען פון א ביאגראפישען, היסטאריש, נביאיש און פערזענליכען כאראקטער. די שרייבער זיינע, מיט בלויז איין אויסנאם, זיינען געוועזן אידען, און די פערזענליכקייט וועמען דאס ווערק באהאנדעלט שטאמט אויך אפ פון אידען, הגם זיין ריין אידישען כאראקטער ווערט עס אבער געשאצט פון אזא קולטורעלען ווערט, אז ביז איצט איז עס שוין איבערזעצט געווארען אין קנאפע 900 שפראכען און דיאלעקטען, א זכיה וואס קיין שום אנדער ווערק האט ווען עס איז דערלעבט. געווי ווייסט קיינער ניט וויפיעל עקזעמפלארען עס זיינען פון איהם שוין געדרוקט געווארען; זיי מוזען אודאי גרייכען אין די הונדערטער מיליאנען. פאר־א־יאהרען למשל, זיינען פון איהם מעהר ווי צוואנציג מיליאן עקזעמפליארען ערשינען אין אמעריקא, ענגלאנד און דייטשלאנד. אין פארגלייך מיט די מיליאנען ביכער וואס ווערען היינט־צו־טאג געדרוקט איז דער ברית חדשה דאס סאמע פאפולערסטע און מייסט פארשפרייטע בוך אויף דער וועלט. ניט בחינם זאגט טאקע דר. מאנטעפיאר: „אויב עס איז א שטיק עם־הארצות ניט צו האבען געלעזען שעקספיער אדער מילטאן, איז דאס עם־הארצות פיעל גרעסער אויב מען האט קיינמאל ניט געלעזען דעם ברית חדשה. **)

## וואס איז אזוינס "חמץ"?

פון מר' שאטקין.

דאסווארט חמץ בעדייט זויער־טייג. דער חמץ אדער זויער־טייג האט א שייכות מיט די שקלאפעריי פון מצרים. די מיינסטע קרבנות וועלכע זענען געבראכט געווארען אין בית המקדש זענען פערבאטען געווארען צו האבען חמץ אין זיך. חמץ און פערדארבענהייט געהען האנד אין האנד. דאס זויער־טייג פערדארבט דעם גאנצען טייג. דער יצר הרע ווערט אפט פארגליכען צו חמץ וואס געפינט זיך אין טייג.

דאגעגען אבער "מצה" איז דער געגענזאץ פון חמץ, עס איז פריי פון זויער־טייג אדער פון אנדערע פערדארבענע זאכען. מצה איז א סימן פון ריינקייט.

און אט וועגען דעם ענין פון חמץ ווילען מיר ליעבער לעזער, זיך דא אביסעל דורך שמועסען. עס איז זעהר א וויכטיגער ענין. חמץ, ד. ה. דער שטן, האט אין זיך אזא געוואלטיגען קראפט אז ער גרייפט אן און בעזיעגט פיעל מענשען. מאנכע זענען אזוי פאל דערמיט אז עס איז פשוט א שרעק! פון דעם סארט חמץ קאן מען נישט פטור ווערען מיט פארברענען אדער לויפען צום רב עס פערקויפען, ווייל דאס וועט נישט העלפען.

*) The Synoptic Gospels ז. 101.

**) דארטען.

אידען מאכען פיעלע פארבערייטונגען פאר פסח. יעדעס יאהר טהוט מען דיזעלבע זאך און ביי פרומע אידען פאנגט מען שוין אן דערמיט באלד נאך פורים. מען פארבערייט מצה, מ'כשר'ט די כלים און מ'זעהט אז עס זאל אודאי זיך נישט געפינען אין הויז אפילו א חשש חמץ. מ'פארקויפט עס און מ'פארברענט עס און איהר מיינט אז איהר האט קיין חמץ מעהר.

אסאך מאל איז נישט זעהר אנגענעהם יענעם עפעס צו זאגען א זאך וואס אפילו יענער דארף עס נויטיג צו וויסען. אבער אין דיעזער זאך מוזען מיר בעזאנדערס אפענהערציג זיין און אייך ליעבער לעזער זאגען אז האטש איהר האט בודק חמץ געווען און האטש איהר האט עס געלאזט פארברענען דורך אייער רב, זענט איהר נאך אלץ חמצ'דיג. דער חמץ, ד. ה. דער יצר הרע, געהט מיט מיט אייך אין שוהל אריין און דאן צוריק צו אייך אהיים. סיי ווען איהר זיצט מעשה מלך אויפ'ן היסב־בעט און איהר זאגט "כל דכפין ייתי וייכול" אונטער געשלאסענע טירען אז קיינער זאל נישט קענען אריינקומען, קומט אבער דער אונגעבעטענער גאסט, דער חמץ, דער שטן, יא אריין און ער זיצט ביי אייך און ארום אייך און אפילו אויך אין אייך.

אידען זאגען "עבדים היינו", מיר זענען געוועזן קנעכט, הייסט עס — אז היינט נישט מעהר, זאגען מיר אבער אייך אלס אייערע אויפריכטיגע פריינד אז איהר זענט נאך תמיד א שקלאף צום חמץ, צום יצר הרע, וואס איהר דענקט אז איהר זענט שוין דערפון פטור געווארען.

א באווייז אז דער חמץ ליעגט טיעף אין הארץ איז דער פאקט אז ער פעראורזאכט שנאת חנם צום הייליגען גואל צדק ישוע המשיח. מיליאנען מענשען ליעבען איהם און זעהען אין איהם דעם שענסטען און בעסטען פון אלע גייסטיגע ריעזען געגען וועם אלע אנדערע גדולים זענען ווי א טונקעלער שאטען. ער איז דער "פלא", דער וואונדער פון דער מענשהייט. און איהר ליעבע ברידער האט אין אייער הערצען דעם חמץ פון קנאה און פון שנאה געגען איהם.

אויך געפינט זיך א היבש ביסעל חמץ פון שנאה אין אייער הערץ צו אידישע ברידער וואס גלויבען אין משיח ישוע. מ'שעלט, מ'מאכט קולות און מ'זידעלט זיי, אלץ דערפאר וואס זיי גלויבען אין הייליגען משיח.

ליעבער לעזער, אהן די אמונה אין ישוע המשיח זייט איהר כסדר חמצ'דיג, א גאנץ יאהר אזוי ווי פסח. אוועקלעגען שטיקלעך ברויט אין די ווינקעלעך פון אייער הויז און דאס דאן געהן געפינען און פארברענען, דאס וועט קיינמאל נישט רייניגען אייער נשמה פון גייסטיגען חמץ וואס איז דארט פאראן. דאס קאן נור געשעהן דורך אמונה אין ישוע המשיח וואס איז דער אמת'דיגער קרבן פסח. זיין פערגאסענעם בלוט איז די איינציגע כפרה פאר אונזערע זינד. ער אליין איז בכח אויסצורייניגען אלע קארופציאנען און פערדארבענהייט וואס איז פארקערפערט אין דעם ווארט "חמץ".

## גרויסע אידען.

מיר שטעלען דא פאר די ביאגראפיע פון גרויסען איד פאסטאר רודאלף גארלאנד. מר. גארלאנד איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען ביי זעהר פרומע אידישע עלטערן וועלכע האבען געמוזט צוליעב דער שפאנישע אינקוויזיציע פון דארט עוקר זיין און פליטה לויפען אזש נאך רוסלאנד.

זיינע עלטערן האבען זייער זוהן געלאזט לערנען און געשיקט אין דער ישיבה אריין מיט דעם געדאנק ער זאל ווערען רב ומורה בישראל.

ער האט אבער אויך געוואלט לערנען עפעס פון דברים חצונים, וועלטליכע בילדונג, וואס דער ראש ישיבה האט צוליעב זיין פרומקייט נישט טאלערירט און האט איהם אויסגעשאפט פון דער ישיבה. דער יונגער גארלאנד איז דערפאר אריין אין גימנאזיאום און פון דארט האט ער אריינגעטרעטען אין בערדיטשעווער סעמינאריאום פון וואנען ער איז ארויס געקומען מיט סמיכה צו זיין "ראביי" און אויך מיט'ן טיטל דאקטאר פילאזאפיע.

פאהרענדיג איינמאל נאך קעשענאף צו א קאנפערענץ פון ראביים האט די השגחה איהם צוזאם געבראכט מיט פאסטאר פאלטין, א גרויסער אוהב ישראל, וועלכער איז אויך געפאהרען בייצוּוואהנען יענעם קאנפערענץ, אפשר כדי צו פערקינדיגען צו יענע ראביים די בשורה טובה פון ישוע המשיח וואס זיי האבען אזוי נויטיג געברויכט און ברויכען נאך היינט און ווייל יענער קריסטליכער פרעדיגער איז געגאנגען געקליידעט אזוי ווי די ראביים האט דר' גארלאנד געמיינט אז דאס איז אויך עפעס א ראביי. זיי האבען זיך באלד באגריסט און בעקאנטשאפט געשלאסען.

אט ביי יענער געלעגענהייט האט אונזער גרויסער איד צום ערשטען מאל געזעהן א ברית חדשה פאר זיינע אויגען וועלכעס האט איהם שפעטער געהאלפען צו ווערען א ברכה אין כרם ד' צבאות בישוע המשיח. ער האט דאס באלד אנגעהויבען צו לעזען און וואס מעהר ער האט דרין געבלעטערט מעהר געגליכען האט ער עס. ניין ליעבער לעזער, נישט די קאנפערענץ האט ער מעהר אין געדאנקען געהאט און אויך נישט די ראבינאט שטעלע וואס אידען האבען איהם אנגעבאטען אין יענער שטאדט. דאס קליינע פון גאט געבענשטע ספר'ל האט שוין צו איהם מעהר אפעליערט ווי אלעם אנדערע. עס האט שוין באשעפטיגט זיין קאפ און זיין הערץ, עס האט שוין געארבייט און געצויגען מיט עבותות אהבה צו ישוע המשיח ביז עס האט אין איין שעהנעם טאג איהם צוגעבונדען צו זיין גואל און משיח וועלכער איז געקומען לכפר עון ולהביא צדק עולמים.

עס פארשטעהט זיך אז די צוויי נייע פריינד, דר' גארלאנד און פאסטאר פאלטין האבען זיך זעהר אפט געגענזייטיג בעזוכט און זיך געליעבט אהבת נפש אין ישוע המשיח, אידען האבען דאס באמערקט זיי האבען אבער געשוויגען ווייל זיי האבען געמיינט, אפשר אפשר, מי יודע,... אפשר וועט עס נאר געלינגען זייער ראביי יענעם פאסטאר פאר א איד צו מאכען. אבער ווען זיי האבען ערפאהרען אז יענעם פאסטאר איז גאר געלונגען זייער ראביי פאר א גלויביגען צו מאכען אין ישוע המשיח, איז זיי זעהר קלאמוטנע געווארען אויפ'ן הארצען. כאטש נעם און רייס זיך קריעה נאך איהם, עס איז אבער שוין געשעהן, צו זיי האבען עס יא געגליכען צו נישט, ווייל "מאת ד' היתה זאת היא נפלאת בעינינו". (תהלים קי"ח).

(פארטזעצונג אויף דער לעצטער זייט)

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10 - 11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

VOL. XII., No. 8 — 50 CENTS A YEAR — APRIL, 1930


## אַ חתונה אָהן אַ כלה

מיט א קורצע צייט צוריק האבען די צייטונגען געדרוקט א שטיקעל נייעס ווי אזוי א חתונה איז געפראוועט געווארען אהן א כלה. די מעשה דערפון איז אזוי געוועזן:

דער חתן מיט דער כלה זענען פארליבט געווארען אייניגע חדשים פאר די חתונה און דאמאלס האט מען אויך בעשטימט דעם טאג פון דער חתונה. ווי געוועהנליך האט מען אלעס צוגעגרייט און איינגעקויפט, געקאכט און געבראטען, און דער חתן מיט זיינע פריינד זענען געקומען פונקט צו דער ריכטיגער צייט ווען דער גלח האט בעדארפט אנהויבען צו פראוועז די פערטרויאונג צערעמאניע, צו דערזעלבער צייט איז זיך די כלה גזעסען אויף אן איבערן שטאק מיט איהרע קראנצען מעדליך און זי האט נישט געוואלט ארונטער קומען צו דער חתונה. די מוזיק האט שוין אנגעהויבען צו שפיעלען דעם חתונה מארטש און זי קומט נאך נישט. וואס זאל דאס אייגענטליך בעדייטען? ענדליך האט מען אויסגעפונען אז זי וויל בשום אופן נישט חתונה האבען מיט דעם יונגען מאן וואס זי האט ערשט קענען געלערענט זייט א קורצער צייט. מ'האט גע'טענה'ט טאטעריש און טערקיש — עס האט אבער גארנישט געהאלפען. וואס זאל מען אבער טהון מיט דער גאנצער סעודה וואס מ'האט פארבערייט? האבען די מחותנים איינגעלאדענט די געסט אז בכן אזוי ווי די כלה וויל נאך נישט חתונה האבען, זענען אלע געסט איינגעלאדענט צו דער סעודה. מ'האט געגעסען און געטרונקען און אלעס חתונה געמאכט על צד היותר טוב. און אזוי איז דאס געווען א חתונה אהן דער כלה.

די געשיכטע דערמאנט אונז אן דעם אידישען פסח. מ'גרייט־צו זעהר א גוטע סעודה. מ'געפינט אויפ'ן ווייס־געדעקטען טיש, מצות, חרוסת, וויין מיט קניידלעך, אבער געוואלד דער קרבן פסח אין דאך נישטא! ווי אזוי זעהט דאס אויס א פסח אהן א קרבן פסח!

פארוואס הייסט דען דער יום טוב גאר אין גאנצען "פסח"? ווייל גאט האט געהייסען ברינגען א לעמעלע פאר א קרבן פסח, "על שום שפסח הקב"ה את בתי אבותנו במצרים". ווען אידען האבען אבער נישט דאס "שה תמים", דאס לאם פאר א קרבן פסח איז עס דאך במילא אויך קיין פסח. עס זעהט אויס ווי א חתונה אהן א כלה. אמת, מ'עסט און מ'טרינקט, אבער עס איז פארט נישט קיין חתונה, ווייל די כלה פעהלט. הייסט דאס ניט ליעבער לעזער, א פשוט'ע אבנארעריי, אי מ'פאפט זיך אליין אויס, און אי מ'וויל אויך גאט אויספאפען; גאט האט געזאגט "פסח הוא לד' ", נעמליך מיט א קרבן פסח. אלזא וואו איז דער קרבן פסח? מ'קאן טאקע אבנארען קליינע און גרויסע קינדער וועלכע ווייסען נעביך נישט פון זייער אייגענע תורה וואו גאט זאגט אונז בפירוש וואס דער יו"ט פסח מיינט, אבער קאן מען דען אבנארען דעם בורא עולם, דעם גואל ישראל?!

עס טרעפט זיך אז פיעלע אידען כאפען זיך אויף פון זייער שלאף און בעטראכטען דאס הייליגע געזעץ וואס גאט ב"ה האט געגעבען וועגען פסח און זיי קומען צום בעשלוס אז ישוע המשיח וואס איז גע'הרג'עט געווארען פונקט צו דער צייט ווען דאס קרבן פסח האט געדארפט געקוילעט ווערען, ד"ה, אום 3 אוהר נאכמיטאג, אז ער איז דאס אמת'דיגע "פסח" אויף וועם דאס לאם אלס קרבן פסח האט נור אהין געוויזען אלס א רמז, אז דער הייליגער משיח, דאס "שה תמים" וועט קומען און געקוילעט ווערען פאר אונזערע זינד. וכך הוה, פאר 1900 יאהר צוריק איז ער טאקע געקומען און דארט ביים ירדן האט דער הייליגער צדיק ר' יוחנן דערזעהן ישוע המשיח און ער האט אויף איהם אויסגערופען "הנה שה אלהים הנושא את עון העולם".

דאס בלוט פון קרבן פסח האט מען בעדארפט אויפשפריצען אויף די בייסשטידלעך און אויף די אשאקעס כדי נישט אריינצולאזען דעם מלאך המשחית אין אידישע הייזער, אזוי אויך ווען מיר מאכען א גייסטיגע שפריצונג אויף אונזער הערץ מיט דער אמונה אין דעם בלוט פון ישוע המשיח, פערטרייבען מיר דערמיט אוועק דעם שטן המשחית פון אונזער הערץ און פון אונזער גאנצען לעבען.

מיט אייניגע יאהר צוריק האט דא אין סויט־אמעריקא אמאל פאסירט א וואונדערבארע געשיכטע. א פוילישער איד, זעהר א פרומער, האט איינמאל זעהר ערנסט געליינט די סדרה פון קרבן פסח, שמות י"ב. עס איז איהם זעהר טיעף אין הערץ אריין דער גאנצער ענין פון פסח, נעמליך צו קוילען א לעמעלע פאר א קרבן פסח און נעמען דאס בלוט און עס שפרינקלען אויף די מיהרען. דער איד איז פלוצים שטעהן געבליבען און זיך אליין געפרעגט: פארוואס האבען מיר אידען היינט מעהר קיין בלוט פון א לעמעלע אויף פסח? אלעס האבען מיר, נור קיין בלוט וואס גאט האט דוקא יא געהייסען האבען. ער האט אנגעהויבען דאס צו פרעגען ביי אנדערע אידען און אפילו ביים רב גופא, אלע האבען זיך אבער פון איהם אויסגעלאכט, אבער קיין צופרידענשטעלענדע תשובה האט קיינער איהם נישט געקאנט געבען. איינמאל האט ער זיך אבער צוזאם געטראפען מיט א קריסטליכען פרעדיגער פון שטעדטעל, א גרויסער קענער פון אידישען תנ"ך, איהם האט ער אויך א פרעג געגעבען מכח דעם ענין פון בלוט פון לעמעלע, און ער האט איהם געגעבען א גרינדליכע ערקלעהרונג און האט איהם געוויזען בפירוש פון מעהרערע שטעלען פון תנ"ך, אז זייט אידען האבען זיך פארזינדיגט געגען גאט, האבען זיי מעהר קיין אנדער מיטעל פאר כפרת עון ווי נור ישוע המשיח וועלכער האט זיין בלוט פארגאסען אויפ'ן בארג גלגולת ארוים פון ירושלים כדי מכפר צו זיין פאר די זינד פון דער גאנצער וועלט, אזוי ווי עס הייסט "כי הדם הוא בנפש יכפר", (ויקרא י"ז). אט דאס האט יענעם פוילישען איד צופרידען געשטעלט און ער האט זייט דאמאלס שוין יא געהאט אן אמת'ן פסח, אין ישוע המשיח. ישוע המשיח איז געווען דאס אמת'ע קרבן פסח וואס האט זיך מקריב געווען איינמאל פאר אלע מאל, און ווער עס גלויבט אין איהם ווערען זיינע זינד פארגעבען אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג: "וד' הפגיע בו את עון כלנו", און דערמיט ווערט דער מלאך המשחית פון איהם אוועק געטריבען.

אט דאס איז דער עיקר פון פסח. אהן איהם איז פסח אזוי ווי א חתונה אהן דער כלה.

---

## בית שר שלום

קארנער טרופ עוו. און וואלטאן סטריט

---


Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.